בס"ד

בס"ד

גליון 33

# דעם רבינ'ס מעשיות

## ספורי מעשיות משנים קדמוניות

## מרבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# המעשה עם הבחינות

## בלשה"ק ובאידיש

# מַעֲשֶׂה י"ג

## מ"שִׁבְעָה בֶּעטְלֶערְס" - "דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס" (4)

**דֶער דְרִיטֶער טָאג - דֶער בֶּעטְלֶער דֶער כְּבַד פֶּה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי חָזְרוּ וְנִזְכְּרוּ הַזּוּג הַזֶּה. וְהָיוּ בּוֹכִים וּמִתְגַּעְגְּעִים: אֵיךְ לוֹקְחִין בְּכָאן אֶת הַבֶּעטְלֶיר הַשְּׁלִישִׁי, שֶׁהָיָה כְּבַד פֶּה?

בְּתוֹךְ כָּךְ וְהִנֵּה הוּא בָּא, וַיֹּאמֶר: הִנְנִי! וְנָפַל עֲלֵיהֶם, וְנָשַׁק אוֹתָם. וְאָמַר לָהֶם גַּם־כֵּן כַּנַּ"ל: בַּתְּחִלָּה בֵּרַכְתִּי אֶתְכֶם שֶׁתִּהְיוּ כָּמוֹנִי, עַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם בְּמַתָּנָה לַדְּרָשָׁה שֶׁתִּהְיוּ כָּמוֹנִי.

וְאַתֶּם סְבוּרִים שֶׁאֲנִי כְּבַד פֶּה? אֵין אֲנִי כְּבַד פֶּה כְּלָל, רַק שֶׁהַדִּבּוּרִים שֶׁל הָעוֹלָם, שֶׁאֵינָם שְׁבָחִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֵין בָּהֶם שְׁלֵימוּת. (וְעַל כֵּן הוּא נִרְאֶה כִּכְבַד פֶּה. כִּי הוּא כִּכְבַד פֶּה מֵאֵלּוּ הַדִּבּוּרִים שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁאֵין בָּהֶם שְׁלֵימוּת)

אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין אֲנִי כְּבַד פֶּה כְּלָל, אַדְּרַבָּא אֲנִי מֵלִיץ וַדַּבְּרָן נִפְלָא מְאֹד. וַאֲנִי יָכוֹל לְדַבֵּר חִידוֹת וְשִׁירִים (שֶׁקּוֹרִין לִידֶער) נִפְלָאִים, עַד שֶׁאֵין נִמְצָא שׁוּם נִבְרָא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא יִרְצֶה לִשְׁמֹעַ אוֹתִי. וּבְאֵלּוּ הַחִידוֹת וְהַשִּׁירִים שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ, יֵשׁ בָּהֶם כָּל הַחָכְמוֹת.

וְיֵשׁ לִי הַסְכָּמָה עַל זֶה מֵאוֹתוֹ הָאִישׁ גָּדוֹל הַנִּקְרָא "אִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת". (דֶער גְּרוֹסֶיר מַאן דֶער אֱמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד. בְּזֶה הַלָּשׁוֹן סִפֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה) וְיֵשׁ בָּזֶה מַעֲשֶׂה שְׁלֵמָה.

כִּי פַּעַם אַחַת יָשְׁבוּ כָּל הַחֲכָמִים, וְכָל אֶחָד הִתְפָּאֵר בְּחָכְמָתוֹ. זֶה הָיָה מִתְפָּאֵר שֶׁהִמְצִיא בְּחָכְמָתוֹ עֲשִׂיַּת בַּרְזֶל, וְזֶה הִתְפָּאֵר בְּמִין מַתָּכוֹת אַחֵר, וְזֶה הָיָה מִתְפָּאֵר שֶׁהִמְצִיא בְּחָכְמָתוֹ עֲשִׂיַּת כֶּסֶף שֶׁהוּא חָשׁוּב בְּיוֹתֵר, וְזֶה הִתְפָּאֵר שֶׁהִמְצִיא עֲשִׂיַּת זָהָב, וְזֶה הָיָה מִתְפָּאֵר שֶׁהִמְצִיא כְּלֵי מִלְחָמָה. וְזֶה הָיָה מִתְפָּאֵר שֶׁהוּא יוֹדֵעַ לַעֲשׂוֹת אֵלּוּ הַמַּתָּכוֹת, שֶׁלֹּא מֵאֵלּוּ הַדְּבָרִים שֶׁהֵם עוֹשִׂין מֵהֶם אֵלּוּ הַמַּתָּכוֹת. וְזֶה הָיָה מִתְפָּאֵר בְּחָכְמוֹת אֲחֵרוֹת. כִּי יֵשׁ כַּמָּה דְּבָרִים שֶׁהִמְצִיאוּ בָּעוֹלָם עַל יְדֵי חָכְמוֹת, כְּגוֹן סַאלִיטְרֶע וּפִילְוֶויר וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה.

וְהָיָה כָּל אֶחָד מִתְפָּאֵר בְּחָכְמָתוֹ.

עָנָה שָׁם אֶחָד וְאָמַר: אֲנִי חָכָם יוֹתֵר מִכֶּם, כִּי אֲנִי חָכָם כְּמוֹ הַיּוֹם. וְלֹא הֵבִינוּ שָׁם מַה זֶּה שֶׁאוֹמֵר, שֶׁהוּא חָכָם כְּמוֹ הַיּוֹם. וְאָמַר לָהֶם: כִּי כָּל הַחָכְמוֹת שֶׁלָּכֶם יְכוֹלִים לְקַבֵּץ אוֹתָם, וְלֹא יִהְיוּ מֵהֶם רַק שָׁעָה אַחַת. אַף עַל פִּי שֶׁכָּל חָכְמָה וְחָכְמָה הִיא נִלְקַחַת מִיּוֹם אַחֵר, כְּפִי הַבְּרִיאָה שֶׁהָיָה בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם. כִּי כָּל הַחָכְמוֹת הַנַּ"ל הֵם הַרְכָּבוֹת. (וְעַל כֵּן הַחָכְמָה נִלְקַחַת מֵאוֹתוֹ הַיּוֹם שֶׁהָיָה בּוֹ אוֹתוֹ הַבְּרִיאָה שֶׁמִּמֶּנּוּ הַהַרְכָּבָה) אַף־עַל־פִּי־כֵן יְכוֹלִים עַל יְדֵי חָכְמָה לְקַבֵּץ כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת בְּשָׁעָה אַחַת.

אֲבָל אֲנִי חָכָם כְּמוֹ יוֹם שָׁלֵם. (כָּל זֶה הִתְפָּאֵר אוֹתוֹ הֶחָכָם הָאַחֲרוֹן הַנַּ"ל)

עָנִיתִי וְאָמַרְתִּי אֵלָיו: (הַיְנוּ זֶה הַכְּבַד פֶּה הַנַּ"ל אָמַר לְהֶחָכָם הַנַּ"ל) כְּמוֹ אֵיזֶה יוֹם? (הַיְנוּ כְּמוֹ אֵיזֶה יוֹם אַתָּה חָכָם) עָנָה וְאָמַר: (הֶחָכָם הַנַּ"ל) זֶה, (הַיְנוּ זֶה הַכְּבַד פֶּה) הוּא חָכָם מִמֶּנִּי. מֵאַחַר שֶׁשּׁוֹאֵל כְּמוֹ אֵיזֶה יוֹם. אֲבָל כְּמוֹ אֵיזֶה יוֹם שֶׁתִּרְצוּ, אֲנִי חָכָם.

וְעַתָּה יִקְשֶׁה. מִפְּנֵי מָה זֶה שֶׁשּׁוֹאֵל כְּמוֹ אֵיזֶה יוֹם, הוּא חָכָם יוֹתֵר מִמֶּנּוּ, מֵאַחַר שֶׁהוּא חָכָם כְּמוֹ אֵיזֶה יוֹם שֶׁיִּרְצֶה. אַךְ יֵשׁ מַעֲשֶׂה שְׁלֵמָה.

כִּי זֶה הָאִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת הוּא בֶּאֱמֶת אִישׁ גָּדוֹל מְאֹד. וְהוּא (הַיְנוּ זֶה הַכְּבַד פֶּה) הוֹלֵךְ וּמְקַבֵּץ כָּל הַחֲסָדִים שֶׁל אֱמֶת, וּמֵבִיא אוֹתָם אֶל זֶה הָאִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת. וְעִקַּר הִתְהַוּוּת הַזְּמַן (כִּי הַזְּמַן בְּעַצְמוֹ הוּא נִבְרָא) הוּא עַל יְדֵי הַחֲסָדִים שֶׁל אֱמֶת. וְזֶה הַכְּבַד פֶּה הוּא הוֹלֵךְ וּמְקַבֵּץ כָּל הַחֲסָדִים שֶׁל אֱמֶת, וּמֵבִיא אוֹתָם אֶל זֶה הָאִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת כַּנַּ"ל.

וְיֵשׁ הַר, וְעַל הָהָר עוֹמֵד אֶבֶן, וּמִן הָאֶבֶן יוֹצֵא מַעְיָן. וְכָל דָּבָר יֵשׁ לוֹ לֵב. וְגַם הָעוֹלָם בִּכְלָלוֹ יֵשׁ לוֹ לֵב. וְזֶה הַלֵּב שֶׁל הָעוֹלָם הוּא קוֹמָה שְׁלֵמָה, עִם פָּנִים וְיָדַיִם וְרַגְלַיִם וְכוּ'. אֲבָל הַצִּפֹּרֶן שֶׁל הָרֶגֶל, שֶׁל אוֹתוֹ הַלֵּב

שֶׁל הָעוֹלָם, הוּא מְלַבֵּב (בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז הַארְצִיקֶר) יוֹתֵר מִלֵּב שֶׁל אַחֵר.

וְזֶה הָהָר עִם הָאֶבֶן וְהַמַּעְיָן הַנַּ"ל עוֹמֵד בְּקָצֶה אֶחָד שֶׁל הָעוֹלָם, וְזֶה הַלֵּב שֶׁל הָעוֹלָם עוֹמֵד בְּקָצֶה אַחֵר שֶׁל הָעוֹלָם. וְזֶה הַלֵּב הַנַּ"ל עוֹמֵד כְּנֶגֶד הַמַּעְיָן הַנַּ"ל, וְכוֹסֵף וּמִשְׁתּוֹקֵק תָּמִיד מְאֹד מְאֹד לָבוֹא אֶל אוֹתוֹ הַמַּעְיָן, בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד. וְצוֹעֵק מְאֹד לָבוֹא אֶל אוֹתוֹ הַמַּעְיָן. וְגַם זֶה הַמַּעְיָן מִשְׁתּוֹקֵק אֵלָיו.

וְזֶה הַלֵּב, יֵשׁ לוֹ שְׁתֵּי חֲלִישׁוּת. אַחַת, כִּי הַחַמָּה רוֹדֶפֶת אוֹתוֹ וְשׂוֹרֶפֶת אוֹתוֹ, (מֵחֲמַת שֶׁהוּא מִשְׁתּוֹקֵק וְרוֹצֶה לֵילֵךְ וּלְהִתְקָרֵב אֶל הַמַּעְיָן)

וַחֲלִישׁוּת הַשְּׁנִיָּה, יֵשׁ לוֹ לְהַלֵּב מִן גֹּדֶל הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַגַּעְגּוּעִים, שֶׁהוּא מִתְגַּעְגֵּעַ וְכוֹסֵף תָּמִיד וּמִשְׁתּוֹקֵק מְאֹד, בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ, אֶל אוֹתוֹ הַמַּעְיָן. וְצוֹעֵק וְכוּ', כַּנַּ"ל.

כִּי הוּא עוֹמֵד תָּמִיד כְּנֶגֶד הַמַּעְיָן הַנַּ"ל, וְצוֹעֵק (נָא גִּיוָואלְד) וּמִשְׁתּוֹקֵק אֵלָיו מְאֹד כַּנַּ"ל. וּכְשֶׁצָּרִיךְ לָנוּחַ קְצָת, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֲרִיכַת הָרוּחַ קְצָת, (שֶׁקּוֹרִין אָפּ סָאפִּין) אֲזַי בָּא צִפּוֹר גָּדוֹל וּפוֹרֵשׂ כְּנָפָיו עָלָיו, וּמֵגֵן עָלָיו מִן הַחַמָּה. וְאָז יֵשׁ לוֹ נַיְחָא קְצָת. וְגַם אָז, בִּשְׁעַת נַיְחָא, הוּא מִסְתַּכֵּל גַּם־כֵּן כְּנֶגֶד הַמַּעְיָן וּמִתְגַּעְגֵּעַ אֵלָיו.

אַךְ מֵאַחַר שֶׁהוּא מִתְגַּעְגֵּעַ אֵלָיו כָּל־כָּךְ, מִפְּנֵי מָה אֵינוֹ הוֹלֵךְ אֶל הַמַּעְיָן? אַךְ כְּשֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ וּלְהִתְקָרֵב אֶל הָהָר, אֲזַי אֵינוֹ רוֹאֶה הַשִּׁפּוּעַ, וְאֵינוֹ יָכוֹל לְהִסְתַּכֵּל עַל הַמַּעְיָן. וְאִם לֹא יִסְתַּכֵּל עַל הַמַּעְיָן אֲזַי תֵּצֵא נַפְשׁוֹ, כִּי עִקַּר חִיּוּתוֹ הוּא מִן הַמַּעְיָן. וּכְשֶׁעוֹמֵד כְּנֶגֶד הָהָר אֲזַי הוּא רוֹאֶה רֹאשׁ הַשִּׁפּוּעַ שֶׁל הָהָר, שֶׁשָּׁם עוֹמֵד הַמַּעְיָן. אֲבָל תֵּכֶף כְּשֶׁיֵּלֵךְ וְיִתְקָרֵב אֶל הָהָר, אֲזַי נֶעְלָם מֵעֵינָיו רֹאשׁ הַשִּׁפּוּעַ, (וְזֶה מוּבָן בְּחוּשׁ) וַאֲזַי אֵינוֹ יָכוֹל לִרְאוֹת אֶת הַמַּעְיָן, וַאֲזַי תֵּצֵא נַפְשׁוֹ, חַס וְשָׁלוֹם.

וּכְשֶׁזֶּה הַלֵּב הָיָה מִסְתַּלֵּק, חַס וְשָׁלוֹם, אֲזַי יִתְבַּטֵּל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ. כִּי הַלֵּב הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר. וּבְוַדַּאי אֵין קִיּוּם בְּלֹא לֵב, וְעַל כֵּן אֵינוֹ יָכוֹל לֵילֵךְ אֶל הַמַּעְיָן. רַק עוֹמֵד כְּנֶגְדּוֹ, וּמִתְגַּעְגֵּעַ וְצוֹעֵק כַּנַּ"ל.

וְזֶה הַמַּעְיָן אֵין לוֹ זְמַן, כִּי זֶה הַמַּעְיָן אֵינוֹ בְּתוֹךְ הַזְּמַן כְּלָל. אַךְ עִקַּר הַזְּמַן שֶׁל הַמַּעְיָן, הוּא רַק מַה שֶּׁהַלֵּב נוֹתֵן לוֹ בְּמַתָּנָה יוֹם אֶחָד. וּכְשֶׁמַּגִּיעַ הַיּוֹם לִהְיוֹת נִגְמָר וְנִפְסָק, וַאֲזַי כְּשֶׁיִּגָּמֵר הַיּוֹם לֹא יִהְיֶה זְמַן לְהַמַּעְיָן וְיִסְתַּלֵּק, חַס וְשָׁלוֹם, וַאֲזַי יִסְתַּלֵּק הַלֵּב, חַס וְשָׁלוֹם, כַּנַּ"ל וְיִתְבַּטֵּל כָּל הָעוֹלָם, חַס וְשָׁלוֹם, כַּנַּ"ל.

וַאֲזַי, סָמוּךְ לִגְמַר הַיּוֹם, אֲזַי מַתְחִילִים לִטֹּל רְשׁוּת זֶה מִזֶּה (שֶׁקּוֹרִין גִּיזֶעגִּינִין) וּמַתְחִילִין לוֹמַר חִידוֹת וְשִׁירִים (שֶׁקּוֹרִין לִידֶער) נִפְלָאִים זֶה לָזֶה. (בְּאַהֲבָה רַבָּה וְהִשְׁתּוֹקְקוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד).

וְזֶה הָאִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת הַנַּ"ל יֵשׁ לוֹ הַשְׁגָּחָה עַל זֶה. וּכְשֶׁמַּגִּיעַ הַיּוֹם בְּסוֹפוֹ מַמָּשׁ לִהְיוֹת נִגְמָר וְנִפְסָק, אֲזַי זֶה הָאִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת הוּא נוֹתֵן בְּמַתָּנָה יוֹם אֶחָד לְהַלֵּב הַנַּ"ל, וְהַלֵּב נוֹתֵן הַיּוֹם לְהַמַּעְיָן. וַאֲזַי שׁוּב יֵשׁ זְמַן לְהַמַּעְיָן. וּכְשֶׁזֶּה הַיּוֹם הוֹלֵךְ מִמָּקוֹם שֶׁהוּא בָּא מִשָּׁם, אֲזַי הוּא הוֹלֵךְ גַּם־כֵּן בְּחִידוֹת וְשִׁירִים נִפְלָאִים מְאֹד. (שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם כָּל הַחָכְמוֹת) וְיֵשׁ שִׁנּוּיִים בֵּין הַיָּמִים. כִּי יֵשׁ יוֹם אֶחָד בַּשָּׁבוּעַ וְיוֹם שֵׁנִי וְכוּ'. וְכֵן יֵשׁ רָאשֵׁי חֳדָשִׁים וְיָמִים טוֹבִים.

וְכָל הַזְּמַן שֶׁיֵּשׁ לְהָאִישׁ חֶסֶד שֶׁל אֱמֶת הַכֹּל עַל יָדִי. (הַיְנוּ הַכְּבַד פֶּה שֶׁמְּסַפֵּר כָּל זֶה) כִּי אֲנִי הוֹלֵךְ וּמְקַבֵּץ כָּל הַחֲסָדִים שֶׁל אֱמֶת, אֲשֶׁר מֵהֶם הִתְהַוּוּת הַזְּמַן כַּנַּ"ל.

(וְעַל כֵּן הוּא חָכָם יוֹתֵר אֲפִלּוּ מֵהֶחָכָם הַנַּ"ל, שֶׁהוּא חָכָם כְּמוֹ אֵיזֶה יוֹם שֶׁיִּרְצֶה. כִּי כָּל עִקַּר הַזְּמַן וְהַיָּמִים, כֻּלָּם נִתְהַוִּים עַל יָדוֹ, הַיְנוּ עַל יְדֵי הַכְּבַד פֶּה, שֶׁהוּא מְקַבֵּץ הַחֲסָדִים שֶׁל אֱמֶת אֲשֶׁר מִשָּׁם הַזְּמַן, וּמֵבִיא אוֹתָם אֶל הָאִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת. וְהוּא נוֹתֵן יוֹם לַלֵּב, וְהַלֵּב נוֹתֵן לְהַמַּעְיָן, אֲשֶׁר עַל־יְדֵי־זֶה נִתְקַיֵּם הָעוֹלָם כֻּלּוֹ. נִמְצָא שֶׁעִקַּר הִתְהַוּוּת הַזְּמַן עִם הַחִידוֹת וְשִׁירִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם כָּל הַחָכְמוֹת, הַכֹּל עַל יְדֵי הַכְּבַד פֶּה).

נִמְצָא שֶׁיֵּשׁ לִי הַסְכָּמָה מִזֶּה הָאִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת שֶׁאֲנִי יָכוֹל לוֹמַר חִידוֹת וְשִׁירִים, שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם כָּל הַחָכְמוֹת. (כִּי כָּל הַזְּמַן עִם הַחִידוֹת וְהַשִּׁירִים נִתְהַוִּים עַל יָדוֹ כַּנַּ"ל), וְעַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה לַדְּרָשָׁה שֶׁתִּהְיוּ כָּמוֹנִי. וְנַעֲשָׂה שָׁם שִׂמְחָה וְחֶדְוָה גְּדוֹלָה מְאֹד. (הִילוּא גִּיטָאן)

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ______________________

טלפון ______________________

עיר ______________________

## מבחן בספורי מעשיות

### מעשה י"ג (4) - מהשבעה בעטלירס

**א. מה היה הבעטלער שהיה כבד פה?**
- ❑ מליץ ודברן נפלא מאוד
- ❑ חכם גדול ונפלא מאוד
- ❑ לא היה יכול לדבר כלל

**ב. ממי יש לו הסכמה על זה?**
- ❑ מהנשר גדול
- ❑ מהמדינה של עשירות
- ❑ מהאיש חסד האמת

**ג. עם מה התפאר החכם הרביעי?**
- ❑ שהמציא בחכמתו עשית כסף
- ❑ שהמציא בחכמתו עשית זהב
- ❑ שהמציא בחכמתו כלי מלחמה

**ד. עם מה התפאר החכם שהוא חכם יותר מכם?**
- ❑ שהוא חכם כמו הלילה
- ❑ שהוא חכם כמו היום
- ❑ שהוא חכם כמו שעה אחת

**ה. בכמה זמן אפשר לקבץ את כל החכמות של שאר החכמים יחד?**
- ❑ בשעה אחת
- ❑ ביום אחת
- ❑ בשבוע אחת

**ו. למי מביא הכבד פה את כל החסדים של אמת?**
- ❑ אל החכם הנ"ל
- ❑ אל האיש חסד האמת
- ❑ אל הנשר הגדול

**ז. מהיכן יוצא המעין?**
- ❑ מן האבן שעומד על ההר
- ❑ מן האבן שעומד סמוך להר
- ❑ מעמקי האדמה

**ח. היכן עומד ההר עם האבן והמעין, והיכן עומד הלב של העולם?**
- ❑ ההר עומד בקצה העולם והלב באמצעו
- ❑ הלב עומד בקצה העולם וההר באמצעו
- ❑ ההר עומד בקצה אחד של העולם, והלב עומד בקצה אחר של העולם

**ט. איזה חלישות יש ללב של העולם?**
- ❑ החמה רודפת אותו ושורפת אותו
- ❑ חלישות מזה שהוא משתוקק ומתגעגע וכוסף בכלות הנפש אל אותו המעין, וצועק
- ❑ שתי התשובות נכונות

**י. מי מגין על הלב כשצריך לנוח קצת?**
- ❑ צפור גדול שפורש כנפיו עליו
- ❑ נשר גדול שפורש כנפיו עליו
- ❑ העננים שפורשים עליו צל

**יא. מפני מה אינו הולך הלב אל המעין?**
- ❑ כי זה רחוק ממנו מאוד
- ❑ כי בדרך הילוכו אינו רואה את המעין מחמת השיפוע ואז תצא נפשו
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יב. מי נותן זמן למעיין?**
- ❑ הלב נותן לו במתנה יום אחד
- ❑ החכם נותן לו יום אחד במתנה
- ❑ האבן נותן לו יום אחד במתנה

**יג. מה קורה סמוך לגמר היום בין המעיין ללב?**
- ❑ מתחילין לומר חידות ושירים נפלאים זה לזה
- ❑ הולכים לנוח
- ❑ בוכים וצועקים

**יד. מי נותן ללב יום אחד במתנה בסוף היום?**
- ❑ הבעטלער הכבד פה
- ❑ האיש חסד האמת
- ❑ החכם הנ"ל

**טו. מי נותן הזמן לאיש חסד האמת?**
- ❑ החכם הנ"ל
- ❑ המעיין
- ❑ הבעטלער הכבד פה

**טז. מה אתה לומד בינתיים מהסיפור של יום השלישי?**
- ❑ כמה גדול החסדים האמיתים שיהודי עושה
- ❑ להיכן אפשר להגיע מי ששומר את פיו
- ❑ ______________________.

## ונעשה שם שמחה וחדוה גדולה מאוד - בהצלחה

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ ״מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת״ – לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ – אָן צוּ פַּארְעֶנְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע״ו
פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א, אוּן פוּנֶעם צְוֵוייטְן דְרוּק שְׁנַת תר״י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז״ל / דִי אַיינְגֶערִינְגְעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א /
דִי אַיינְגֶעקֶעסְטֶעלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ בִּלְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

## – פֶּרֶק ה –

## דְרִיטְן טָאג – דֶער בֶּעטְלֶער וָואס שְׁטַאמְלְט

[אוֹת א] דֶעם ׳דְרִיטְן־טָאג׳, הָאבְּן זִיךְ ׳חָתָן־כַּלָּה׳ ווידֶער דֶערְמַאנְט – אוּן הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּענְקְט: ״ווי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם ׳דְרִיטְן־בֶּעטְלֶער׳, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳כְּבַד־פֶּה׳״ (דְהַיְינוּ: עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְפְּלְט מִיט דֶעם מוֹיל) [גֶעשְׁטַאמְלְט – רֶעדְט נִישְׁט קְלָאר]!

דֶערְוַוייל! קוּמְט עֶר אַרַיין, אוּן זָאגְט: ״אִיךְ בִּין דָא״! – אוּן אִיז זֵיי אַרוּמְגֶעפַאלְן! אוּן הָאט זֵיי גֶעקוּשְׁט! – אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט כַּנַּ״ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]: ״פְּרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־ווִי אִיךְ! – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ ׳דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק׳, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־ווִי אִיךְ!

אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ ׳כְּבַד־פֶּה׳ [שְׁטַאמְלֶער]! – אִיךְ בִּין גָאר קַיין ׳כְּבַד־פֶּה׳ נִישְׁט! – נָאר דִי דִיבּוּרִים פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין שְׁבָחִים [לוֹיבּ] צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן קַיין שְׁלֵימוּת נִישְׁט!

(כְּלוֹמַר: דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ ׳כְּבַד־פֶּה׳, וָואס קֶען נִישְׁט רֶעדְן – וָוארְן עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט רֶעדְן קַיין שׁוּם וָוארְט פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס סְ׳אִיז נִישְׁט קַיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ! – וָוארְן דִי רֵייד וָואס [זֶענֶען] נִישְׁט קַיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, הָאבְּן קַיין שְׁלֵימוּת נִישְׁט! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] שְׁטַאמְפְּלְט [שְׁטַאמְלְט] עֶר אִין דִי רֵייד)!

אָבֶּער צוּם אֱמֶת, בִּין אִיךְ גָאר קַיין ׳כְּבַד־פֶּה׳ [שְׁטַאמְלֶער] נִישְׁט! – אַדְרַבָּא! אִיךְ בִּין אַ ׳מֵלִיץ׳ [פַּארְטֵיידִיגֶער], אוּן אַ ׳דַבְּרָן׳, דְהַיְינוּ: אַ ׳רֶעדֶער׳, זֵייעֶר אַ ווּאוּילֶער [וואוּנְדֶערְלִיכֶער], וָואס סְ׳אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ!

אוּן אִיךְ קֶען רֶעדְן ׳חִידוֹת׳, אוּן ׳שִׁירִים׳, אוּן ׳לִידֶער׳, וָואס זֵיי זֶענֶען ווִילְדֶע חִידוּשִׁים! – וָואס אַז אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ רֶעדְן מַיינֶע ׳חִידוֹת׳, מִיט מַיינֶע ׳שִׁירִים׳, מִיט מַיינֶע ׳לִידֶער׳ – אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן קַיין שׁוּם נִבְרָא אִין דֶער וֶועלְט, וָואס עֶר זָאל מִיךְ נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן!
(כְּלוֹמַר: סְ׳נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אִין דֶער וֶועלְט, וָואס סְ׳זָאל נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן זַיינֶע ׳שִׁירִים׳ וְכוּ׳)! – אוּן סְ׳אִיז אִין זֵיי דָא (דְהַיְינוּ: אִין דִי ׳חִידוֹת׳ אוּן אִין דִי ׳שִׁירִים׳ וָואס עֶר זָאגְט), ׳כָּל־הַחָכְמוֹת׳״!

״אוּן אִיךְ הָאבּ אַ ׳הַסְכָּמָה׳ דֶערוֹיף, פוּן דֶעם ׳גְרוֹיסְן־מַאן׳, וָואס עֶר הֵייסְט: ״דֶער ׳אֱמֶתְ׳ר אִישׁ־חֶסֶד׳״!

[אוֹת ב] וָוארְן אַמָאל זֶענֶען גֶעזֶעצְן אַלֶע חֲכָמִים! אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה!

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט [אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט] מִיט זַיין ׳חָכְמָה׳ – ׳אַייזְן׳״! (דְהַיְינוּ: דָאס וָואס מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן ׳אַייזְן׳ פוּן דֶער עֶרְד, דָאס הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט!).

אוּן ׳דֶער׳ הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט – אַ אַנְדֶער מִין ׳מַתֶּכֶת׳״! (דְהַיְינוּ: אַ אַנְדֶער מִין ׳אַייזְנְוַוארְג׳, ׳צִין׳ אָדֶער ׳בְּלַיי׳ וְכוּ׳)!

אוּן ׳דֶער׳ הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט מִיט זַיין ׳חָכְמָה׳ – ׳זִילְבֶּער׳״! – דָאס אִיז שׁוֹין חָשׁוּבֶער! (דְהַיְינוּ: דָאס וָואס מְ׳קֶען מַאכְן זִילְבֶּער, דָאס הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט)!

אוּן ׳דֶער׳ הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט – מְ׳זָאל קֶענֶען מַאכְן ׳גָאלְד׳״!

אוּן ׳דֶער׳ הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט – ׳כְּלֵי־מִלְחָמָה׳״! (דְהַיְינוּ: דִי ׳כֵּלִים׳ וָואס מְ׳הַאלְט מִיט זֵיי ׳מִלְחָמָה׳, דְהַיְינוּ ׳בִּיקְסְן׳ אוּן ׳הוּרְמַאטֶעס׳ [פֵייעֶר־בִּיקְסְן], אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן – דִי ׳חָכְמָה׳ צוּ מַאכְן דִי ׳כֵּלִים׳, דָאס הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט)!

אוּן ׳דֶער׳ הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר קֶען מַאכְן דִי ׳אַייזְנְוַוארְג׳, נִישְׁט פוּן דִי זַאכְן, וָואס זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן דִי ׳אַייזְנְוַוארְג׳״!

אוּן ׳דֶער׳ הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״מִיט אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת״! – וָוארְן סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן כַּמָּה זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס מְ׳הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט דוּרְךְ ׳חָכְמוֹת׳ – דְהַיְינוּ: ׳סַאלִיטְרֶע׳ [אֵייזְן מַאטְרִיאַל], אוּן ׳פּוּלְוֶוער׳ [בָּאמְבֶּע מַאטְרִיאַל], אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן!

הָאט זִיךְ אִיטְלֶעכֶער בַּארִימְט מִיט זַיין ׳חָכְמָה׳!

*

הָאט זִיךְ דָארְט אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן: ״אִיךְ בִּין קְלוּגֶער פוּן אַייךְ, וָוארְן אִיךְ בִּין קְלוּג ווִי דֶער טָאג״! – הָאט מֶען דָארְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט: ״עֶר אִיז קְלוּג ווִי דֶער טָאג״?!

הָאט עֶר זִיךְ צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן: ״וָוארְן אַלֶע אַייעֶרֶע ׳חָכְמוֹת׳, קֶען מֶען זֵיי צוּם אוֹיפְנֶעמֶען [צוּנוֹיפְנֶעמֶען], וֶועט פוּן זֵיי מֶער נִישְׁט זַיין, נָאר אֵיין ׳שָׁעָה׳! – כָאטְשֶׁע אִיטְלֶעכֶע ׳חָכְמָה׳ נֶעמְט זִיךְ פוּן אַ אַנְדֶערְן ׳טָאג׳,

וֶועדְלִיג [לוֹיט] דִי 'בְּרִיאָה' וָואס סְ'גֶעוֶועןְ אִין אִיטְלֶעכְן 'טָאג' – וָוארְן אַלֶע 'חָכְמוֹת' זֶענֶען זִיךְ 'הַרְכָּבוֹת'!

(דְהַיְינוּ: מְ'מִישְׁט צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] עֶטְלִיכֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן דֶערְפוּן מַאכְט מֶען דִי זַאךְ! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] נֶעמְט זִיךְ אִיטְלֶעכֶע 'חָכְמָה', פוּן דֶעם 'טָאג', וָואס אִין דֶעם [יֶענֶעם] 'טָאג' הָאט גָאט בַּאשַׁאפְן דִי זַאכְן, וָואס דֶערְפוּן נֶעמְט מֶען דִי 'מַאטֶערְיֶעס' [מַאטְרִיאַלְן], אוּן מְ'מִישְׁט אוֹיס מִיט 'חָכְמָה', אוּן מְ'מַאכְט דִי זַאךְ וָואס מְ'וִויל מַאכְן, 'זִילְבֶּער', אָדֶער 'קוּפֶּער', אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן)!

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט! קֶען מֶען מִיט 'חָכְמָה', צוּם אוֹיפְנֶעמֶען [צוּנוֹיפְנֶעמֶען] אַלֶע אַייעֶרֶע 'חָכְמוֹת'! וֶועט פוּן זֵיי מֶער נִישְׁט זַיין, נָאר אֵיין 'שָׁעָה'! – אָבֶּער אִיךְ בִּין קְלוּג, וִוי אַ גַאנְצֶער 'טָאג'"! (אַזוֹי הָאט זִיךְ בַּארִימְט דֶער 'אוּנְטֶערְשְׁטֶער־חָכָם' [לֶעצְטֶער־חָכָם] הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים (דְהַיְינוּ דֶער 'כְּבַד־פֶּה', וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ): "וִוי וֶועלְכֶער 'טָאג'"? (כְּלוֹמַר: וִוי וֶועלְכֶער טָאג בִּיזְטוּ קְלוּג)?!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן [דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער חָכָם]: "אָט דֶער אִיז קְלוּגֶער פוּן מִיר! וַוייל עֶר פְרֶעגְט 'וִוי וֶועלְכֶער טָאג'! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] 'וִוי וֶועלְכֶער טָאג' אִיר וִוילְט, אַזוֹי בִּין אִיךְ קְלוּג"!

לוּשְׁמִיר [נָאר] פַארְוָואס זֶע ווִידֶער אִיז 'דֶער' [כְּבַד־פֶּה] קְלוּגֶער? – וַוייל עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט 'וִוי וֶועלְכֶער טָאג'? – דֶער חָכָם אִיז זִיךְ [דָאךְ] אוֹיךְ קְלוּג 'וִוי וֶועלְכְן טָאג' עֶר ווִיל? – נָאר סְ'פַארְהַאנְדְן אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה!

[אוֹת ג] "וָוארְן דֶער 'אֶמֶת'ר אִישׁ־חֶסֶד', אִיז זֵייעֶר אַ 'גְרוֹיסֶער־מַאן'! – אוּן אִיךְ (דְהַיְינוּ: דֶער 'כְּבַד־פֶּה', וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ), גֵיי אוּם [אַרוּם], אוּן נֶעם צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] אַלֶע 'אֶמֶת'ע חֲסָדִים', אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם 'אֶמֶתְ'ן אִישׁ־חֶסֶד'!

אוּן דֶער עִיקָר 'זְמַן' (דְהַיְינוּ אַז סְ'זָאל זַיין אַ 'צַייט'! וָוארְן דִי 'צַייט' אַלֵיין, דְהַיְינוּ אַז סְ'זָאל זַיין 'יָאהְר' אוּן 'טֶעג' אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ בַּאשַׁאפְן)! – וֶוערְט נָאר דוּרְךְ 'אֶמֶת'ע חֲסָדִים'!

אוּן אִיךְ גֵיי אוּם [אַרוּם], אוּן נֶעם צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] אַלֶע 'אֶמֶת'ע חֲסָדִים', אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם 'אֶמֶתְ'ן אִישׁ־חֶסֶד', וָואס דֶערְפוּן וֶוערְט דֶער 'זְמַן'!

אוּן סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'בַּארְג'! – אוּן אוֹיף דֶעם 'בַּארְג' שְׁטֵייט אַ 'שְׁטֵיין'! – אוּן פוּן דֶעם 'שְׁטֵיין' גֵייט אַ 'קְוַואל'!

אוּן אִיטְלֶעכֶע זַאךְ הָאט אַ 'הַארְץ'! – אוּן דִי 'וֶועלְט' אִינְגַאנְצְן [בִּכְלָלִיּוּת], הָאט אוֹיךְ אַ 'הַארְץ'! – אוּן דָאס 'הַארְץ' פוּן דֶער 'וֶועלְט', אִיז אַ גַאנְצֶע 'קוֹמָה', מִיט אַ 'פָּנִים', אוּן מִיט 'הֶענְט', אוּן 'פִיס' וְכוּ'! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶער 'נָאגְל' פוּן דֶעם 'פוּס', פוּן דֶעם 'הַארְץ' פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז הַארְצִיגֶער, אֵיידֶער [מֶער וִוי] אַ אַנְדֶערֶענְס 'הַארְץ'!

אוּן דֶער 'בַּארְג' מִיט דֶעם 'קְוַואל', שְׁטֵייט אִין אֵיין עֶק פוּן דֶער וֶועלְט! – אוּן דָאס 'הַארְץ' פוּן דֶער וֶועלְט, שְׁטֵייט אִין דֶעם אַנְדֶערְן עֶק פוּן דֶער וֶועלְט! – אוּן דָאס 'הַארְץ' שְׁטֵייט אַקֶעגְן דֶעם 'קְוַואל', אוּן גְלוּסְט אוּן בֶּענְקְט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] זֵייעֶר, אַז סְ'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'קְוַואל'!

אוּן דָאס בֶּענְקְן אוּן דָאס גְלוּסְטְן, פוּן דֶעם 'הַארְץ' צוּ דֶעם 'קְוַואל', אִיז גָאר ווִילְד! – אוּן סְ'שְׁרַייט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] דָאס 'הַארְץ': "אַז סְ'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'קְוַואל'"! – אוּן דֶער 'קְוַואל', גְלוּסְט צוּ דֶעם 'הַארְץ' אוֹיךְ!

אוּן דָאס 'הַארְץ', הָאט צְוֵויי חֲלִישׁוּת (דְהַיְינוּ: צְוֵויי שְׁלַאפְקֵייט [שְׁוַואכְקֵייט])!

אֵיינְס: וָוארְן דִי 'זוּן' יָאגְט עֶס זֵייעֶר, אוּן בְּרֶענְט עֶס (וַוייל סְ'בֶּענְקְט אַלְץ, אוּן ווִיל קוּמֶען צוּם 'קְוַואל')!

אוּן דָאס אַנְדֶערֶע שְׁלַאפְקַייט [שְׁוַואכְקַייט] הָאט דָאס 'הַארְץ': מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם בֶּענְקְן אוּן דָאס גְלוּסְטְן, וָואס דָאס 'הַארְץ' בֶּענְקְט אוּן גְלוּסְט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג], אוּן סְ'גֵייט גָאר אוֹיס צוּ דֶעם 'קְוַואל', אוּן סְ'שְׁרַייט אַלְץ סְ'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'קְוַואל' כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – וָוארְן דָאס 'הַארְץ', שְׁטֵייט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] אַקֶעגְן דֶעם 'קְוַואל', אוּן שְׁרַייט: "נַא גֶעוַואלְד"! אוּן סְ'בֶּענְקְט אַלְץ זֵייעֶר צוּ דֶעם 'קְוַואל' כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

לוּשְׁמִיר [נָאר] אַז דָאס 'הַארְץ' בַּאדַארְף זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן, אַז סְ'זָאל זִיךְ אָפְּסַאפְּן [אָפְּכַאפְּן] אַבִּיסְל – אַזוֹי קוּמְט אַ גְרוֹיסֶער פוֹיגְל, אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דִי פְלִיגְל אוֹיף אִים, אוּן פַארְשְׁטֶעלְט אִים פוּן דֶער זוּן! – דֶעמָאלְט רוּהְט זִיךְ דָאס 'הַארְץ' אָפּ אַבִּיסְל!

אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט אַז סְ'רוּהְט זִיךְ אָפּ – קוּקְט עֶס אוֹיךְ אַקֶעגְן דֶעם 'קְוַואל', אוּן בֶּענְקְט אַלְץ צוּם 'קְוַואל'!

לוּשְׁמִיר [נָאר] אַז סְ'בֶּענְקְט יָא אַזוֹי צוּם 'קְוַואל', פַארְוָואס גֵייט עֶר נִישְׁט צוּם 'קְוַואל'?!

נָאר ווִיבַּאלְד דָאס 'הַארְץ' ווִיל צוּגֵיין נָאנְט צוּם 'בַּארְג', וָואס אוֹיבְן אִיז דֶער 'קְוַואל' – אַזוֹי זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם 'שְׁפִּיץ', קֶען עֶר נִישְׁט זֶעהְן דֶעם 'קְוַואל'! – אוּן ווִיבַּאלְד עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם 'קְוַואל', גֵייט עֶר אוֹיס! וָוארְן גָאר זַיין חִיּוּת פוּן דֶעם 'הַארְץ', אִיז נָאר פוּן דֶעם 'קְוַואל'!

**אוּן אַז עֶר שְׁטֵייט אַקֶעגְן ׳בַּארְג׳, זֶעהְט עֶר** [יָא] **אַרוֹיס דֶעם ׳שְׁפִּיץ בַּארְג׳ וָואס דָארְט אִיז דֶער ׳קְוַואל׳! – אָבֶּער תֵּיכֶּף וִויבַּאלְד עֶר וִויל צוּגֵיין צוּם ׳בַּארְג׳, זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם ׳שְׁפִּיץ׳!** (וָוארְן אַזוֹי אִיז זִיךְ דֶער שְׁטֵייגֶער בַּיי אַ הוֹיכְן ׳בַּארְג׳ – פוּן וַוייטְן [פוּנְדֶערְוַוייטְנְס] אַז מְ׳שְׁטֵייט, זֶעהְט מֶען אַרוֹיס דֶעם ׳שְׁפִּיץ׳ – אוּן אַז מְ׳גֵייט צוּ נָאנְט, זֶעהְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם ׳שְׁפִּיץ׳)! – **קֶען עֶר שׁוֹין** [דֶעמָאלְט] **נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם קְוַואל! קֶען עֶר חַס־וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין!**

**אוּן אַז דָאס ׳הַארְץ׳ זָאל חַס־וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין, וָואלְט גָאר דִי וֶועלְט חָרוּב גֶעוָוארְן! – וָוארְן דָאס ׳הַארְץ׳ אִיז זִיךְ דָאס חִיוּת פוּן אִיטְלֶעכֶער זַאךְ – אוּן וִוי קֶען דִי וֶועלְט אַ קִיוּם הָאבְּן אָן דֶעם ׳הַארְץ׳?!**

[אִיז] **אִיבֶּערְדֶעם** [צוּלִיבּ דֶעם], **קֶען דָאס ׳הַארְץ׳ נִישְׁט צוּגֵיין צוּ דֶעם ׳קְוַואל׳! – נָאר סְ׳שְׁטֵייט תָּמִיד** [שְׁטֶענְדִיג] **אַקֶעגְן דֶעם ׳קְוַואל׳! אוּן סְ׳בֶּענְקְט אוּן סְ׳שְׁרַייט תָּמִיד** [שְׁטֶענְדִיג], **אַז סְ׳זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם ׳קְוַואל׳, כַּנַ״ל** [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]**!**

**אוּן דֶער ׳קְוַואל׳, הָאט גָאר קַיין ׳זְמַן׳ נִישְׁט! – וָוארְן דֶער ׳קְוַואל׳ אִיז גָארְנִישְׁט אִין ׳זְמַן׳!** (כְּלוֹמַר: דֶער ׳קְוַואל׳ הָאט קַיין שׁוּם ׳צַייט׳ נִישְׁט! – דְהַיְינוּ: עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם ׳טָאג׳ אוּן קַיין שׁוּם ׳צַייט׳ אִין דֶער וֶועלְט! – וָוארְן עֶר אִיז גָאר הֶעכֶער, פוּן דֶער ׳צַייט׳ פוּן דֶער וֶועלְט)!

**לוּשְׁמִיר** [אָבֶּער] **וִויאַזוֹי קֶען דֶער ׳קְוַואל׳ זַיין אִין דֶער וֶועלְט?! –** (וָוארְן אִין דֶער וֶועלְט, קֶען זִיךְ [דָאךְ] קַיין זַאךְ נִישְׁט זַיין אָן אַ ׳צַייט׳)?!

**לוּשְׁמִיר** [נָאר], **גָאר דִי ׳צַייט׳ פוּן דֶעם ׳קְוַואל׳, אִיז נָאר וָואס דָאס ׳הַארְץ׳ שֶׁענְקְט דֶעם ׳קְוַואל׳ אַ טָאג בְּמַתָּנָה! – אוּן אַז דֶער ׳טָאג׳ וִויל זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְלָאזְן, אוּן וִוי דֶער ׳טָאג׳ וֶועט אַוֶועקְגֵיין, וֶועט זִיךְ שׁוֹין דֶער ׳קְוַואל׳ קַיין ׳זְמַן׳ נִישְׁט הָאבְּן – וֶועט דֶער ׳קְוַואל׳ אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט – וִוי דֶער ׳קְוַואל׳ וֶועט נִישְׁט זַיין, וֶועט זִיךְ דָאס ׳הַארְץ׳ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין חַס־וְשָׁלוֹם, וֶועט חַס־וְשָׁלוֹם גָאר דִי וֶועלְט בָּטֵל וֶוערְן, כַּנַ״ל** [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]**!**

**אַזוֹי־וִוי סְ׳קוּמְט נָאנְט צוּם סוֹף טָאג, אַזוֹי הֵייבְּן זֵיי זִיךְ אָן צוּ גֶעזֶעגֶענֶען, אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן, דָאס ׳הַארְץ׳ מִיט דֶעם ׳קְוַואל׳! – אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ זָאגְן ׳חִידוֹת׳, אוּן ׳שִׁירִים׳, אוּן ׳לִידֶער׳, אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, זֵייעֶר ווּאוֹילֶע** [וווּנְדֶערְלִיכֶע] **׳חִידוֹת׳ אוּן ׳לִידֶער׳, מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, אוּן מִיט גְרוֹיס בֶּענְקֶעכְץ זֵייעֶר, אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן – דָאס ׳הַארְץ׳ צוּם ׳קְוַואל׳! אוּן דֶער ׳קְוַואל׳ צוּ דֶעם ׳הַארְץ׳!**

**[אוֹת ד]** אוּן **דֶער ׳אֶמֶתְ׳ר אִישׁ־חֶסֶד׳, הָאט דֶערוֹיף הַשְׁגָּחָה, אוּן עֶר הִיט דָאס אָפּ! – אוּן וִוי סְ׳קוּמְט דֶער ׳טָאג׳ גָאר צוּם סוֹף, נָאר עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלָאזְן** (וָואס אָט בַּאלְד וִוי דֶער ׳טָאג׳ וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזְן, אוּן דֶער ׳קְוַואל׳ וֶועט שׁוֹין קַיין ׳טָאג׳ נִישְׁט הָאבְּן כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], וֶועט עֶר אַוֶועקְגֵיין! – אוּן אַזוֹי וֶועט חַס־וְשָׁלוֹם דָאס ׳הַארְץ׳ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין! – וֶועט חַס־וְשָׁלוֹם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט חָרוּב וֶוערְן)! **אַזוֹי קוּמְט אָן דֶער ׳אֶמֶתְ׳ר אִישׁ־חֶסֶד׳, אוּן שֶׁענְקְט אַ ׳טָאג׳** [פַאר] **דֶעם ׳הַארְצְן׳! – אוּן דָאס ׳הַארְץ׳ שֶׁענְקְט דֶעם ׳טָאג׳** [פַאר] **דֶעם ׳קְוַואל׳! – אַזוֹי הָאט שׁוֹין וִוידֶער דֶער ׳קְוַואל׳ אַ ׳זְמַן׳!** (דְהַיְינוּ: דֶעם ׳טָאג׳! – [דֶערִיבֶּער] קֶען שׁוֹין דֶער ׳קְוַואל׳ וִוידֶער אַ קִיוּם הָאבְּן! – [דֶערִיבֶּער] קֶען שׁוֹין דָאס ׳הַארְץ׳ אוֹיךְ אַ קִיוּם הָאבְּן וְכוּ׳)!

**אוּן אַז דֶער ׳טָאג׳ קוּמְט אָן, פוּן וַואנֶען עֶר קוּמְט – אַזוֹי גֵייט דֶער ׳טָאג׳ אוֹיךְ, מִיט ׳חִידוֹת׳, אוּן מִיט ווּאוֹילֶע** [וווּנְדֶערְלִיכֶע] **׳שִׁירִים׳, וָואס אִין זֵיי אִיז דָא אַלֶע ׳חָכְמוֹת׳!**

**אוּן סְ׳אִיז דָא חִילוּקִים צְווִישְׁן דִי טֶעג! – וָוארְן סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן ׳זוּנְטָאג׳ אוּן ׳מָאנְטָאג׳ וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן ׳רֹאשׁ־חוֹדֶשׁ׳ אוּן ׳יָמִים־טוֹבִים׳!** (כְּלוֹמַר: וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם ׳טָאג׳, וָואסְפַארַא ׳טָאג׳ סְ׳קוּמְט – מִיט אַזוֹינֶע ׳שִׁירִים׳ קוּמְט עֶר אָן!).

**אוּן גָאר דֶער ׳זְמַן׳, וָואס דֶער ׳אֶמֶתְ׳ר אִישׁ־חֶסֶד׳ הָאט, אִיז זִיךְ אַלְץ דוּרְךְ מִיר!** (דְהַיְינוּ: דוּרְךְ דֶעם ׳כְּבַד־פֶּה׳, וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ)! – **וָוארְן אִיךְ גֵיי זִיךְ, אוּן נֶעם צוּם אוֹיף** [צוּנוֹיף] **אַלֶע ׳אֶמֶתְ׳ע חֲסָדִים׳, וָואס פוּן זֵיי וֶוערְט גָאר דֶער ׳זְמַן׳ כַּנַ״ל** [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]**!**

(אוּן אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דֶער ׳כְּבַד־פֶּה׳ קְלוּגֶער, אֲפִילוּ פוּן דֶעם ׳חָכָם׳ וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר אִיז קְלוּג וִוי וֶועלְכֶער ׳טָאג׳ מְ׳וִויל״! – וָוארְן גָאר דִי ׳צַייט׳ מִיט דִי ׳טֶעג׳, וֶוערְן זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים! – וָואס דִי ׳טֶעג׳ קוּמֶען אָן מִיט ׳שִׁירִים׳ אוּן ׳חִידוֹת׳, וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע ׳חָכְמוֹת׳ וְכוּ׳ כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

[דָאס הֵייסְט: אַז נִישְׁט נָאר דֶער ׳כְּבַד־פֶּה׳ אִיז אוֹיךְ קְלוּג וִוי וֶועלְכְן ׳טָאג׳ עֶר וִויל – נָאר גָאר דִי ׳צַייט׳ מִיט דִי ׳טֶעג׳, וֶוערְן זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים]!

**[אוֹת ה] נִמְצָא** [קוּמְט אוֹיס]**: ״הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַ ׳הַסְכָּמָה׳, פוּן דֶעם ׳אֶמֶתְ׳ן אִישׁ־חֶסֶד׳, אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן ׳חִידוֹת׳ אוּן ׳שִׁירִים׳, וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע חָכְמוֹת!** (וָוארְן גָאר דִי ׳טֶעג׳, מִיט דִי ׳חִידוֹת׳, מִיט דִי ׳שִׁירִים׳, וֶוערְן זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])**! – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה ׳דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק׳, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ״!**

**אִיז דָארְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה! אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה! – אוּן זֵיי הָאבְּן אַ הִילוּא גֶעטָאן** [אוֹיסְגֶעפְלַאצְט אִין אַ שִׂמְחָה]**!**

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________________

טעלפון ______________________

שטאט ______________________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די דרייצנטע מעשה (4) - פון די זיבן בעטלירס

**א. וואס איז דער בעטלער דער כבד פה?**

- ❑ א מליץ און א ריידער וואס איז א ווילד חידוש
- ❑ זייער א גרויסער חכם
- ❑ אינער וואס קען נישט רעדן

**ב. פון וועמען האט ער א הסכמה?**

- ❑ פונעם גרויסן אדלער
- ❑ פון די מדינה של עשירות
- ❑ פון דער אמת'ר איש חסד

**ג. מיט וואס האט זיך בארימט דער פרעטער חכם?**

- ❑ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט זילבער
- ❑ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט גאלד
- ❑ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט כלי מלחמה

**ד. מיט וואס בארימט זיך דער חכם וואס איז קלוגער פון זיי?**

- ❑ אז ער'איז קלוג ווי דער נאכט
- ❑ אז ער'איז קלוג ווי דער טאג
- ❑ אז ער'איז קלוג ווי איין שעה

**ה. און וויפיל צייט קען מען צוזאם נעמען זייערע חכמות?**

- ❑ אין איין שעה
- ❑ אין איין טאג
- ❑ אין איין וואך

**ו. צו וועם ברענגט דער כבד פה די אמת'ע חסדים?**

- ❑ צו דער וואס איז קלוג ווי דער טאג
- ❑ צו דעם אמת'ן איש חסד
- ❑ צו דעם גרויסן אדלער

**ז. פון וואו גייט ארויס די קוואל?**

- ❑ פון א שטיין וואס שטייט אויפ'ן בארג
- ❑ פון א שטיין וואס שטייט נעבן בארג
- ❑ פון א טיפע פלאץ

**ח. וואו שטייט די הארץ און ווי שטייט די קוואל?**

- ❑ די קוואל ביי די עק פון דער וועלט און דער הארץ אינמיטן פון דער וועלט
- ❑ די הארץ ביי די עק פון דער וועלט און די קוואל אינמיטן פון דער וועלט
- ❑ די קוואל ביי איין עק פון דער וועלט און דער הארץ ביי די אנדערע עק פון דער וועלט

**ט. וועלכע חלישות האט די הארץ?**

- ❑ ווייל די זון יאגט איר זייער
- ❑ וויל ס'בענקט און גלוסט און גייט אויס צום קוואל
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. ווער העלפט פאר די הארץ זיך צו אפרוען?**

- ❑ א גרויסע פייגל וואס שפרייט אויס די פליגלען
- ❑ א גרויסע אדלער וואס שפרייט אויס די פליגלען
- ❑ א גרויסע וואלקן וואס מאכט א גרויסע שאטן

**יא. פארוואס גייט נישט די הארץ צום קוואל?**

- ❑ ווייל ס'איז זייער וויט
- ❑ וויל גייענדיג וועט ער אים נישט זעהן וועט ער אויסגיין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. ווער גיבט זמן פאר די קוואל?**

- ❑ די הארץ גיבט אים א טאג במתנה
- ❑ דער חכם גיבט אים א טאג במתנה
- ❑ די שטיין גיבט אים א טאג במתנה

**יג. וואס פאסירט צווישן די הארץ און דעם קוואל פאר די טאג גייט אוועק?**

- ❑ זיי זאגן חידות שירים און לידער איינער צום אנדערן
- ❑ זיי טוען זיך אפרוען
- ❑ זיי וויינען און שרייען

**יד. ווער גיבט פאר די הארץ א טאג במתנה?**

- ❑ דער בעטלער דער כבד פה
- ❑ דער אמת'ר איש חסד
- ❑ דער וואס איז קלוג ווי דער טאג

**טו. ווער גיבט די זמן פאר דער אמת'ר איש חסד?**

- ❑ דער וואס איז קלוג ווי דער טאג
- ❑ די קוואל
- ❑ דער בעטלער דער כבד פה

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה פון דעם טאג?**

- ❑ וואס א אמת'ע חסד פון א איד קען אויפטאהן
- ❑ די וואס מ'קען זוכה זיין אז מ'היט די מויל
- ❑ ______________________.

**איז געווארן דארט א גרויסע שמחה און א גרויסע חדוה און זיי האבן א הילוא געטון**

**מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדעווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט